בס"ד

שבת מברכים סיון | ר"ח יום ראשון | המולד יום ראשון 18:02 | 15 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

במדבר

כ"ט אייר תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:53 |
| מוצש"ק | 8:10 |
| ר"ת | 8:47 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:16 | סוז"ת א' | 9:43 |
| סוזק"ש ב' | 9:06 | סוז"ת ב' | 10:15 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קפ"ו

שנה ד'

## טיב הפרשה

# די כח פון תמימות

## ואתכם יהיו איש איש למטה איש ראש לבית אבתיו הוא

אין די וואכענדיגע סדרה רעדט די תוה"ק ארום פון ציילן כלל ישראל און ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען די ציילעריי. די תוה"ק זאגט אן אז ביי יעדער שבט זאל זיין אויך דער ראש לבית אבותיו.

דער לשון וואס די תוה"ק נוצט איז די ווערטער 'ואתכם יהיו איש איש למטה'. עס קען זיין בדרך רמז אז ווען מ'צוטיילט דאס ווארט 'ואתכם' איז עס נוטריקון די צוויי ווערטער "אמת" און "כו" וואס איז זעקס און צוואנציג און ווייזט קעגן דער שם הוי"ה.

דער פסוק וויל מרמז זיין אז ווען מ'גייט מיט די מידת האמת גייט מען מיט הקב"ה, מיט'ן שם הוי"ה, וואס איז מרומז אין דער נומער 26, און אז מ'גייט מיט די פארקערטע פון אמת איז מען כביכול מרחק הקב"ה פון זיך, ווי דוד המלך זאגט אין תהלים [קא. ז] דובר שקרים לא יכון לנגד עיני, און מידה טובה מרובה, אז ווען מ'גייט מיט'ן מידת האמת איז דא השראת השכינה.

איינס פון די יסודות אין אידישקייט איז דער מידת האמת, דורשי רשומות ווייזן אן אז די ווארט אמ"ת איז די ערשטע אות פון די אלף בית, די מ' איז די מיטעלסטע און די 'ת' איז דער לעצטע אות.

עס קומט מרמז צו זיין אז די אידישקייט בויט זיך אויף דער מידת האמת, אז נאר דורך אמת קען מען אויסשטייגן און אנקומען צו די תוה"ק.

די עצה ווי אזוי א איד קען זיך אויסלייטערן און אנקומען צו א שלימות אין דער מידת האמת איז דורך תמימות. אז מ'האלט זיך בתמימות אין די וועגן פון אונזערע אבות און מ'נייגט זיך נישט אוועק פון איר אפילו נישט א זיז כל שהוא, קומט מען אן צו די מידת האמת.

די עצה ווי אזוי צו שטייגן און זיך דערהאלטן אין מידת

## טיב המערכת

### וַיִּתְיַלְדוּ... לְבֵית אֲבֹתָם

ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו קינדער צדיקים? ווי יעדער איינער פארשטייט אליין, וויל יעדער האבן קינדער צדיקים, די פראגע איז נאר: וואס טוט מען כדי זוכה צו זיין צו קינדער צדיקים, און צי ווייסן מיר דען וואס מען דארף טון כדי זוכה צו זיין דערצו.

אין ירושלמי ווערט דערציילט, אז רבי דוסא בן הרכינס האט געזען רבי יהושע, און ער האט געזאגט אויף אים: אֶת מִי יוֹרֶה דֵעָה, זָכוּר אֲנִי שֶׁהָיְתָה אִמּוֹ מוֹלֶכֶת עֲרִיסָתוֹ לְבֵית הַכְּנֶסֶת בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְדַּבְּקוּ אָזְנָיו בְּדִבְרֵי תוֹרָה. אזוי ווערט אויך דערציילט אויף איינער פון די גדולי הצדיקים, אז איידער ער איז געבוירן געווארן האט זיין מאמע די צדקנית אנגעגרייט א היטל כדי צו צודעקן דעם קעפל פונעם קינד ווי נאר ער קומט ארויס אויף דער וועלט, אזוי אויך, גלייך נאכדעם וואס ער איז געבוירן געווארן, האט זי געוואשן זיינע הענט כדי דער קינד זאל זיין ריין און א ירא שמים.

אין די פרשה פון די וואך קענען מיר טרעפן א רמז דערצו, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וַיִּתְיַלְדוּ עַל מִשְׁפְּחֹתָם', דאס הייסט אז מען וויל האבן הצלחה מיטן מחנך זיין די קינדער, און מען וויל אז אויך ווען זיי וועלן אויפוואקסן זאלן זיי גיין אין די וועגן פון די עלטערן און זיי זאלן מלחמה האלטן דעם מלחמת היצר, איז די עצה דערצו – 'וַיִּתְיַלְדוּ', אז גלייך ווען זיי ווערן געבוירן זאל מען אנהייבן צו לאזן הערן אין זייערע אויערן די ווערטער פון די הייליגע תורה און מען זאל זיי מחנך זיין צו קיום התורה, און ווען מען לערנט זיי אויס און מען איז זיי מחנך אינעם דרך התורה והמצוות, איז דעמאלטס אויך ווען זיי וועלן זיין גרויס, 'מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה - כָּל יֹצֵא צָבָא', וועלן זיי זיך באשעפטיגן אינעם מלחמת היצר און זיך שטארקן איבער אים און אים באזיגן.

און אזוי טרעפן מיר טאקע אין די ווערטער פון די הייליגע חז"ל וואס ווערן געברענגט אין רש"י, 'מִשָּׁעָה שֶׁהַבֵּן יוֹדֵעַ לְדַבֵּר, לַמְּדֵהוּ 'תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה', שֶׁיְּהֵא זֶה לִמּוּד דִּבּוּרוֹ, מִכָּאן אָמְרוּ, כְּשֶׁהַתִּינוֹק מַתְחִיל לְדַבֵּר אָבִיו מֵשִׂיחַ עִמּוֹ בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, וְאִם לֹא עָשָׂה כֵּן הֲרֵי הוּא כְּאִלּוּ קוֹבְרוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם'. ביז אהער פון די הייליגע ווערטער פון רש"י. וְהַדְּבָרִים מַבְהִילִים!

(עפ"י טיב התורה – במדבר)

**טיב הודעות**

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

האמת איז אויך מרומז אין די תורה הק'. נאכ'ן זאגן דער 'ואתכם יהיו', זאגט די תוה"ק אז די עצה אנצוקומען צו די מידה פון אמת איז דער 'איש איש למטה, איש ראש לבית אבותיו הוא' - אז מ'האלט זיך געבינדן צו די וועגן פון די אבות הק' בלייבט מען געבינדן צו די דרך האמת.

עס איז ברייט באקאנט וואס רבי יוסף יעב"ץ שרייבט אין זיין ספר באשרייבנדיג די היסטאריע פון אלע צרות וואס איז אריבער אויפ'ן כלל ישראל. אין זיינע ווערטער באטאנט ער וואס ער האט געזען ביי די גירוש פון שפאניע. ווען מען האט פארטריבן די אידן פון שפאניע איז רוב מנין ובנין פון די שפאנישע אידן ארויס פון לאנד. עס איז געבליבן א קליינע הייפעלע פון אידן אין לאנד. ווייזט ער אן אז אינדערצייט וואס די תמימות'דיגע אידן האבן פארלאזט דאס לאנד נעמענדיג די וואנדערשטעקן אין די הענט, זענען די אויפגעקלערטע און די גרעסערע מלומדים געבליבן.

דארט האט מען געזען בחוש דער כח פון תמימות, אז אינדערצייט וואס די תמימות'דיגע אידן האבן נישט געקוקט רעכטס און לינקס נאר אריינגעטאנצן אין פייער מיט א תמימות, האבן אנדערע אידן געמאכט חשבונות.

דער רבי יוסף יעב"ץ ברענגט עס אראפ אלץ א באווייז צו דער כח פון תמימות און ווי ווייט מ'דארף זיך האלטן אין איר.

עס איז ידוע אז דער בעשטה"ק האט פארלייגט אסאך כוחות מקרב צו זיין די פשוט'ע און די תמימות'דיגע אידן. כסדר פלעגט ער משבח זיין די מעשים וואס ווערן געמאכט מיט תמימות, זאגנדיג אז די תמימות'דיגע עבודה שטייגט איבער זיין עבודה און זיין גרויסע השגה, ווייל די עבודה פון תמימות, אן קיין חשבונות, בינדט צו דער איד צו הקב"ה.

מען זעט די חשיבות פון תמימות און גיין מיט הקב"ה אן קיין חשבונות ביי אברהם אבינו ווען הקב"ה האט אים געהייסן טון די עקידה. דערהאלטנדיג די ציווי וואלט אברהם אבינו געקענט מאכן חשבונות און פרעגן קושיות פון הקב"ה אז דאס איז דאך קעגן די הבטחה וואס ער האט אים געגעבן אז פון יצחק וועט ער האבן קינדער, אבער אברהם אבינו האט נישט געפרעגט קיין קושיות און מיט מסירות נפש האט ער אויסגעפירט די באפעל פון הקב"ה.

עס קען זיין אז מהאי טעמא איז איינגעפירט אז מ'הייבט אן דער טאג מיט די עקידה. דערמיט וויל מען איינפלאנצן אין די הערצער פון יעדער איד ווי קריטיש־וויכטיג די תמימות איז, און דאס איז דער שליסל צו די גאנצע אידישקייט פון א איד.

מ'שטייט יעצט פאר קבלת התורה. אויך דער עצם זאך פון קבלת התורה איז צושטאנד געקומען דורך תמימות. דער רבוש"ע איז ארומגעגאנגען צו אלע פעלקער און זיי מציע געווען די תורה. יעדער פאלק האט געפרעגט וואס שטייט אין איר און הקב"ה האט זיי געענטפערט אז עס שטייט אין זיי א פארבאט קעגן די שוואכקייט פון וואס זיי ליידן, ווי ביי אדום האט ער זיי געוויזן די איסור אויף רציחה, ביי ישמעאל דער לא תגנוב און אזוי ווייטער.

אבער ווען הקב"ה איז געקומען צו די אידן האבן די אידן נישט געפרעגט פאר הקב"ה וואס עס שטייט אין איר, נאר מיט א תמימות אויסגעשריגן 'נעשה ונשמע', אז מיר וועלן הערן און מיר וועלן טון, און דאס האט גורם געווען אז זיי האבן באקומען די תורה הק'.

זאל הקב"ה העלפן אז מ'זאל קענען אנקומען צו די מידת האמת און זיך דערהאלטן אין איר און זוכה זיין אנצוקומען דורך איר צו אלע גוטע זאכן און אויסשטייגן מעלה מעלה בעבודת ה'.

טיב
ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

# נחום איש גמזו ביי די טויערן פון מירון

פאר לאנגע יארן האב איך די זכיה צו אראנדזשירן א חברת תהלים אין מירון ביים תַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. אין די חברה נעמען אנטייל אסאך קינדער און מ'זאגט תהלים מיט א ברען, און שפעטער טיילט מען מתנות פאר די קינדער ווי א גוטע אייז קרעם אדער אנדערע זאכן.

עס איז א הוצאה און אז עס קומט וועכענטליך איז עס א גרעסערע הוצאה, אבער רוב וואכן וועל איך זיין דער ספאנסער פון די גוטע זאכן פאר די 'חברה'.

יענער פרייטאג בין איך געווען אויפ'ן וועג קיין מירון. נאך זייענדיג אונטערוועגענס בין איך אריין צו די קבר פון נחום איש גמזו און זיך געשטארקט אין דער ענין פון גם זו לטובה.

אויפ'ן וועג קיין מירון איז מיר אויסגעקומען צו באצאלן א חוב, מיינע קעשענעס זענען געבליבן ליידיג, אז ווען כ'בין אנגעקומען קיין מירון האב איך נישט געהאט ביי מיר קיין פעני צו קויפן גוטע זאכן פאר די קינדער.

עס איז דא אידן וואס בארגן, אבער איך בין נישט פון די סארט אידן, איך האלט זיך אפ פון בארגן, אבער זיך טרעפנדיג אן קיין פרוטה אין מיין טאש, האב איך זיך געשטארקט אז עס וועט זיין גוט, דער גוטער באשעפער וועט שוין מזמין זיין אלע מיינע געברויכן.

איך בין ארויס פון די קבר פון נחום איש גם זו און געריכטעט מיינע טריט קיין מירון.

אריינפארנדיג אין די דארף פון מירון שטעלט מיר אפ א קאר און פרעגט מיר: צי ביסטו נישט דער וואס פירט אן מיט די חברת תהלים אין מירון?

נאכ'ן באשטעטיגן געבט ער מיר א זאג אז ער נויטיגט זיך אין א געוויסע ישועה, און אז די ישועה זאל קומען צו גיין וויל ער געבן צדקה. ער וויל די וואך אויסצאלן די קאסטן וואס עס קאסט די זיסווארג פאר די קינדער.

אויפ'ן ארט האט ער מיר געגעבן א ווארף אריין א שיינע סומע געלט, וואס איז געווען גענוג און איבריג צו קענען קויפן אלע גוטע זאכן פאר די קינדער אויף א ברייטע פארנעם.

איך בין געבליבן שטיין געפלעפט צו זען דער יד ה', ווי אזוי הקב"ה האט געפירט אז אן וואס כ'זאל דארפן טון עפעס האט מיר א איד מקדים געווען און באזארגט מיט אלע באדערפענישן וואס כ'האב געדארפט האבן צו קענען געבן פאר די קינדער נאך די חברת תהלים.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: נתי שטערנגער)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# אַשְׁרֵי מִי שֶׁגָּדֵל בַּתּוֹרָה וַעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה

"אַשְׁרֵי מִי שֶׁגָּדֵל בַּתּוֹרָה, וַעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה, וְעוֹשֶׂה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ" ברכות יז:

שטייענדיג נאנט צום הייליגן יו"ט **שבועות** הבעל"ט, **'זמן מתן תורתנו'**, האבן מיר מקדיש געווען דעם יעצטיגן גליון, לעילוי נשמתו הטהורה פון איינער פון די געהויבענע פון די בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים, **הרב ר' יצחק זאב האנפלינג זצ"ל, זון פון יבדלחט"א הרב אהרן שליט"א**, וועלכער איז נפטר געווארן יונגערהייט אכצן יאר צוריק, נאך שווערע און ביטערע יסורים וואס ער האט געליטן פונעם ביטערן קרענק רחמנא ליצלן (דער יארצייט געפאלט קומענדיגע מאנטיג - ב' סיון).

רבי יצחק זאב איז געווען זייער נאנט און מקושר מיט **מורינו ורבינו שליט"א** מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, און די וועגן פון זיין לעבן זענען א גוטע ביישפיל פון א בן־עליה און תלמיד חכם, וואס זיין גאנצן לעבן איז ער געווען **"גָּדֵל בַּתּוֹרָה, וַעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה, וְעוֹשֶׂה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ"**.

האבן מיר צוזאמגעקליבן עטליכע נקודות, פון עטליכע הספדים און דברי התעוררות וואס **מורינו ורבינו יבדלחט"א** האט געזאגט אַחַר מִטָּתוֹ, און אויך אין די טעג פון זיין יארצייט אין די קומענדיגע יארן נאך זיין פטירה.

**"הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִם בְּחַיֵּיהֶם, וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ. מִנְּשָׁרִים קַלּוּ, וּמֵאֲרָיוֹת גָּבֵרוּ לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנָם וְחֵפֶץ צוּרָם, יִזְכְּרֵם אֱלֹקֵינוּ לְטוֹבָה, עִם שְׁאָר צַדִּיקֵי עוֹלָם"**.

***

א **'משולח'** וואס האט געטריי געטון זיין ארבעט, זייענדיג **נָע וָנָד** איבער די וועלט, פון איין שטאט צום אנדערן און פון איין לאנד צו די אנדערע, איז ער אמאל געקומען אין זיינע וואנדערונגען צו א זייער ווייטע שטאט, וואס מערסטנס פון די אידישע איינוואוינער זענען געווען אַנְשֵׁי צוּרָה, יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים. דער משולח האט זיך זייער געפריידט צו זען אזעלכע טייערע און חשוב'ע בני תורה וואס פולן אן די בתי מדרשות, יונג און אלט, און זעענדיג אז עס איז אן **עִיר גְּדוֹלָה לֵאלֹקִים**.

אזוי גייענדיג צווישן די געסער און געסלעך פון די שטאט, זייענדיג פארנומען מיט די מלאכה פון **'מְעַמֵּר'** זאמלענדיג געלט פאר זיין הייליגע צוועק... איז ער אינמיטן דורכגעגאנגען נעבן ארטיגער **'בית החיים'**, און ער איז אריינגעגאנגען אינעווייניג, וועלנדיג זען די קברים פון די צדיקים פון די שטאט, וועלכע האבן באשיינט די שטאט מיט זייער ערליכקייט און צידקות, און דאווענען ביי זייערע הייליגע ציונים.

גייענדיג צווישן די מצבות, זוכנדיג די קברים פון די רבנים און צדיקים פון די שטאט, האט ער באמערקט זייער א מאדנע זאך!

ביי די זייט פון יעדן מציבה, איז אויסער די גאנצע נוסח פון די מציבה, **"פה נטמן וכו'"**, דארט געשטאנען נאך א שורה, וואו עס איז אויסגערעכנט געווארן די יארן וויפלאנג דער נפטר האט געלעבט, אויסרעכענדיג אין וועלכע יארן דער נפטר האט געלעבט און באשיינט די וועלט.

אט דער שיינער חידוש האט שטארק אויסגענומען אין די אויגן פון אונזער משולח, ווייבאלד דורכאויס די יארן פון זיין פאך האט ער שוין באזוכט אין פילע אידישע בתי חיים איבער דער גארער וועלט, אבער ער האט קיינמאל פריער נישט באמערקט אזא סארט צייכענונג אויף א מציבה, ווי אין א זייטיגע שורה איז אויסגערעכנט געווארן א סך־הכל פון די לעבנס־יארן פונעם נפטר אויף דער וועלט. געווענליך האט ער געזען ווי מען פארצייכנט נאר דער טאג פון די פטירה, און מעגליך אין איינצעלנע פעלער וואלט מען אויך פארצייכנט דער טאג פון זיין געבורט, אבער אזא זאך, אז מען זאל געבן א סך־הכל פון זיין לעבן אויף די מציבה, דאס האט ער קיינמאל פריער נישט געזען!

אבער נאכמער איז ער פארוואונדערט און ערשטוינט געווארן, ווייל ווען ער איז געגאנגען צווישן די מציבות, האט ער געזען אז אפטמאל האט די זייטיגע שורה וואו עס איז געווען א **רעכענונג פון די לעבנס־יארן פונעם נפטר**, נישט געשטימט מיט דאס וואס איז געשטאנען אויף די מציבה זעלבסט איבער אים... – צום ביישפיל, אויף איין מציבה איז געשטאנען: **"פ"נ הרב כו' נלב"ע בשיבה טובה ביום וכו'"**, אינדערצייט וואס ביי די זייט פון די מציבה איז געשטאנען: **"שני חייו בעולמו, עשרים ושתים שנים"**. אויף אן אנדערע מציבה איז געשטאנען: **"פ"נ האברך כו', נלב"ע ביום וכו'"**. און ביי די זייטיגע שורה איז געשטאנען: **"שני חייו בעולמו, שלושים ושלש שנים"**. און אזוי און ענדליך דערצו האט מען געקענט זען ביי די אנדערע הייליגע מצבות.

זעענדיג דאס, איז דער משולח געבליבן שטיין פארוואונדערט, נישט קענענדיג פארשטיין וויאזוי דאס איז מעגליך? דער זקן וואס איז נפטר געווארן בשיבה טובה, האט געלעבט נאר "עשרים ושתים שנים", צוויי און צוואנציג יאר... אינדערצייט וואס דער יונגערמאן וואס איז נפטר געווארן "בדמי ימיו", האט געלעבט אויף דער וועלט "שלשים ושלש שנה"?

**אומפארשטענדליך, נישט אזוי?**

נאכדעם וואס ער האט געענדיגט מתפלל זיין ביים בית החיים, און ער איז צוריקגעקומען פון זיין שפאציר אין שטאט אריין, האט ער אנגעהויבן נאכפארשן דער זאך ביי די פרנסים פון די קהילה, מעגליך וועלן זיי קענען געבן אן ערקלערונג פארן מאדנעם ערשיינונג ביי די מצבות איבער די קברים אינעם בית החיים...

הערנדיג זיין פראגע, האבן זיך די פרנסים צושמייכלט צווישן זיך מיט א שטיפערישן ווינק מיט זייערע אויגן, און האבן אים גלייך געגעבן צו פארשטיין דעם ענין:

הערט זיך גוט איין, אונזער טייערער גאסט. אן אלטער מנהג איז שוין איינגעפירט אין אונזער חשוב'ע קהילה פאר עטליכע דורות, אז יעדער בחור פון די קהילה וואס דערגרייכט צו דער עלטער פון **'בר מצוה'**, באקומט א ספעציעלן בוך, א **'פנקס'**, וואס זיין נאמען איז אויסגעקריצט דערויף מיט גאלדענע אותיות. דאס איז א פריוואטער העפט, וואס באגלייט יעדן איינעם פון די קהילה, ביז צו דער טאג פון זיין פטירה. אט דעם פנקס ווערט זייער שטארק אפגעהיטן דורכן אייגנטומער, און דא אין שטאט ווערט עס גערעכנט ווי דער טייערסטער פארמעגן וואס א מענטשן פארמאגט!

אינעווייניג אין דעם העפטל, איז דא מסודר'דיגער לאנגיעריגער **'לוח'** פארן בעל הבית דערפון, אנגעהויבן פונעם טאג וואס ער איז געווארן בר מצוה ביז די הונדערט און צוואנציג יאר. דער לוח איז צוטיילט אין צוויי טיילן פאר יעדן טאג, מיטאג־צייט און אוונט־צייט. אין אט די צוויי צייטן, מאכט יעדער איינער פון אונזער קהילה, א **'חשבון'** פון צייט פאר אט דעם האלבע פון דער טאג, אויסרעכענענדיג וויפיל דערפון ער האט געהייליגט פאר השי"ת, מיט תורה, תפילה און מצוות, און ער פילט א **סך־הכל שעות'** פון עבודת ה'. און אזוי אויך ביים סוף פון יעדן וואך איז דא א בלאט וואו מען שרייבט א סך־הכל פון אלע שעות וואס מען האט מקדיש געווען יענעם וואך פאר השם יתברך, און אזוי אויך ביים סוף פון יעדן חודש, און אויך ביים סוף פון יעדן יאר.

ווען עס איז געקומען דער צייט פארן מענטש און ער איז אוועקגעגאנגען פון דער וועלט, האט דער גבאי פון דער חברא קדישא געעפנט זיין פנקס, און געמאכט אן אלגעמיינעם 'סך הכל', פון אלע יארן פון זיין לעבן צוזאמען, און אויסגערעכנט וויפיל פון דעם איז געווען געהייליגט פאר השם יתברך!

און יעצט וועסטו שוין פארשטיין, וואס עס מיינט די זייטיגע שורה וואס איז געשטאנען ביי די זייטן פון די מצבות, דאס איז דאך דער סך־הכל פון דער פנקס פון יעדן איינעם, לויט די תקנת הקהילה פון יארן פריער. אין אט די שורה איז געשריבן געווארן וויפיל יאר ער האט געלעבט אין זיין רוחניות'דיגער וועלט, אין זיין אמת'ער וועלט, נאכן אויסזיפן אלע טעג פון די לעבן פון הבלי עולם הזה, וואס טוען צורויבן פונעם מענטש גאר א גרויסן טייל פון זיינע לעבנס יארן [אויב מען טוט נישט איבערדרייען אויך דעם טייל פון לעבן צו עבודת השם יתברך, אזוי ווי עס ווערט שטארק ארומגערעדט אין די ספרי החסידות].

אסאך מאל, האבן זיי ווייטער געזאגט, האט מען טאקע געזען, אז א מענטש וואס

איז נפטר געווארן זייענדיג עלטער, האט נאר אנגעפילט זיין פנקס מיט א קלענערע צאל יארן, ווי איינער וואס יונגער פון אים. דאס איז דער ערקלערן פון דער מענטש וואס איז נפטר געווארן 'בשיבה טובה', אבער זיינע לעבנס־יארן **ב'עולמו'**, אין זיין אמת'ע וועלט, זענען נאר געווען 'עשרים ושתים שנה', צוויי און צוואנציג יאר... אבער דער יונגער אברך האט געלעבט 'בעולמו' "שלשים ושלש שנים", דריי און דרייסיג יאר.




דאס איז וויבאלד די נומערן פון יענעם זייטיגן שורה, באציט זיך נאר צו 'חיי עולם', און נישט צו 'חיי שעה'!

**פון אט די תקנה פון יענע קהילה קדושה, לערנען מיר ארויס, אז אויך אויב איינער איז חלילה אוועקגעגאנגען פון דער וועלט בקיצור ימים, אזוי ווי אונזער רבי יצחק זאב. – איז אבער אין באציאונג צום אמת'ע לעבן, די 'חיי עולם' וואס זענען איינגעפלאנצט אין אונז, מיטן שורש פונעם 'תורת חיים', האט רבי יצחק זאב געלעבט אסאך יארן, לויט וויפיל ער האט עס אויסגעניצט, וויבאלד ער האט שטארק פארמינערט דעם חיי שעה און עס איבערגעגעבן פאר די חיי עולם...**

אזוי ווי **הרה"ק דער בעל אמרי אמת פון גור זצוק"ל** האט געזאגט צו זיין ברודער **הרה"ק רבי משה בצלאל זצוק"ל הי"ד**, אינדערצייט פון די לויה פון זייער טאטע **הרה"ק דער בעל השפת אמת זצוק"ל**, וואס כידוע איז ער נסתלק געווארן אין א בליענדן עלטער. אזוי גייענדיג אויף די לויה, האט זיך דער אמרי אמת אראפגעבויגן און האט מיט באגייסטערונג אריינגערוימט אינעם אויער פון זיין ברודער: **"דער טאטע האט געהאט אריכות ימים"!** – און דערביי האט ער געגעבן צו פארשטיין, אז כאטש דער טאטע איז נסתלק געווארן פון דער וועלט בקיצור שנים, איז אבער זיין לעבן געווען זייער לאנג, און אין אט די געציילטע יארן האט ער אריינגעכאפט און אנגעיאגט דאס וואס אנדערע כאפן נישט אריין אין הונדערטער יארן...

***

צווישן די געהויבענע אידן פון 'ירושלים של מעלה', האט אין די הייליגע שטעטל פון **'בתי אונגארין', אונגארישע הייזער**, געוואוינט גאר א געהויבענער איד, מיטן נאמען **רבי עקיבא יוסף כהן זצ"ל, זון פון הרב הצדיק רבי יודל כהן זצ"ל**. ער איז באוואוסט געווען אלץ א בעל יסורים רח"ל, ווען איינער פון זיינע קינדער האט יארן לאנג געליטן פון א שווערע קרענק, און צום סוף האט ער פארלוירן דעם זון, לא עלינו. דערנאך איז ער אליין קראנק געווארן אויפן הארץ, רחמנא לישזבן, ליידנדיג אויף הארץ־קרענק פאר לאנגע יארן. – אבער טראץ זיינע אלע יסורים, איז **לֹא פָּסַק פּוּמֵיהּ מִגִּירְסָא**, און ער האט שטענדיג געלערנט מיט גרויס התמדה, **בְּאַהֲבָה בְּחֵשֶׁק וּבְשִׂמְחָה**, אן קיין שום קשר צו זיין מצב...

דערמיט האט ער שטענדיג מקיים געווען די הלכה מפורשת פונעם הייליגן **רמב"ם** (פ"א מהל' ת"ת ה"ח), וואו ער שרייבט וועגן דער חיוב פון עוסק זיין בתורה מתוך יסורים, וזה לשון קדשו: כָּל אִישׁ מִיִּשְׂרָאֵל חַיָּב בְּתַלְמוּד תּוֹרָה, בֵּין עָנִי בֵּין עָשִׁיר, בֵּין שָׁלֵם בְּגוּפוֹ בֵּין בַּעַל יִסּוּרִין וְכוּ', חַיָּב לִקְבֹּעַ לוֹ זְמַן לְתַלְמוּד תּוֹרָה בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה, שֶׁנֶּאֱמַר (יהושע א, ח) וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה.

נאך זיין פטירה, האט **הגאון הצדיק רבי יצחק דוד גוטפארב זצ"ל**, געלאזט הערן אויף אים דברי הספד, און צווישן זיינע ווערטער האט גערעדט איבער זיין מסירת נפש, לערנענדיג די הייליגע תורה שוועבנדיג אין שטארקע יסורים. און כדי צו שילדערן ווי שטארק ער איז געווען אין דעם, האט ער געזאגט ווי פאלגנד:

לאמיר זיך פארשטעלן, ווי איינער פילט א שטארקע ווייטאג, האבנדיג א קליין וואונד אין פינגער, וויפיל וואלט דאס אים געשטערט פון לערנען.... און אויב אין דער זעלבער צייט האט ער אויך שטארקע ווייטאגן אינעם קלאפ וואס ער האט אין זיין פוס, לא עלינו, וואלט אים אוודאי זיין לערנען געווען טאפלט שווערער! און אויב וועלן מיר אויך צולייגן שטארקע ציין ווייטאג, רחמנא ליצלן, איז דאס אוודאי פילפאיג שווערער. און אויב וואלט מען אויך צוגעלייגט שווערע ציין ווייטאג, רחמנא ליצלן, וואלט עס זיכער געווען זיבנפאכיג שווער! און אויב ליידט ער אויך חלילה פון הארץ־ווייטאג, לא עלינו, און אויך פון רוקן־ווייטאג, איז פון די אלע זאכן ווערט עס אים שוין זיבן און זיבעציג מאל אזוי שווער...

**איז לאמיר מאכן דעם חשבונו של עולם!** וויפיל שרעקליכע יסורים האט רבי עקיבא יוסף זצ"ל געהאט, ווען זיין גאנצער קערפער איז געווען פול מיט יסורים פון קאפ ביז פוס! און דאס איז נאך אויסער די אלע שרעקליכע יסורי הנפש וואס האבן באגלייט די אויבנדערמאנטע יסורים, זאל דער אויבערשטער רחמנות האבן און אינגיכן אויסהיילן אלע חולי עמו ישראל!

אזוי געפינענדיג זיך אינעם גאנצן ים פון יסורים, האט ער חלילה קיינמאל נישט אפגעלאזט זיין לערנען, און ער האט נאטורליכערהייט און בפשטות ווייטער עוסק געווען בתורה טאג און נאכט, כאילו ער וואלט נישט געהאט קיין שום מחלה און קיין שום יסורים!

צי קענען מיר אפשאצן די ווערד פון אזא וואונדערליכע לימוד התורה? – האט דער קול פון רבי יצחק דוד זצ"ל אפגעדונערט, איבער אלע זייטן פונעם הייליגן שטעטל פון די אונגארישע הייזער!

**אזוי קענען מיר אויך זאגן, אויף רבי יצחק זאב זצ"ל, אז טראצדעם וואס ער איז געווען א שרעקליכער בעל יסורים פון יענע קרענק, וואס דאס איז געווען ווי א לעבעדיגער 'חיבוט הקבר', און עס האט אים פארשאפט שרעקליכע יסורים וואס לייטערן אויס דעם גאנצן קערפער פונעם מענטש! אין אט די שווערע באהאנדלונגען, ווען זיין גוף האט געפלאקערט ווי א פאקל מיט גאר שרעקליכע און פארכטיגע יסורים! האט ער אריינגעלייגט זיין גאנצער קערפער, קאפ און זעל אינעם עסק התורה, און פון דעם האט ער געשעפט זיין גאנצן חיות אין אט די שווערע טעג!**

**און אויף אזעלכע געהויבענע תורה לערנען, זאגט דער אויבערשטער צו זיין הייליגע פמליא: "חֲזוּ בְּנֵי חֲבִיבִי, דְּמִשְׁתַּכְּחִין מִצַעֲרָא דִּילְהוֹן, וַעֲסָקִין בְּחֶדְוָתָא דִּילִי".**

**אַשְׁרֵי מִי שֶׁגָּדֵל בַּתּוֹרָה, וַעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה, וְעוֹשֶׂה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ!**

**ת. נ. צ. ב. ה.**


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!